29 אויף אונז דאָס בלוט פון דעם דאָזיקן מענטשן? און
פעטרוס און די שליחים האָבן ענטפערנדיק געזאָגט:
30 ג־ט מוז מען מער געהאָרכן ווי מענטשן. דער ג־ט
פון אונזערע אבות האָט אויפגעוועקט ישוען, וועמען
איר האָט גענומען און אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים.
31 אים האָט ג־ט דערהייכט מיט זיין רעכטער האַנט,
(צו זיין) אַ שר און אַ גואל, צו געבן צו ישראל
32 תשובה און סליחת חטאים. און מיר זענען עדות
פון די דאָזיקע ווערטער, און דער רוח הקודש,
וועלכן ג־ט האָט געגעבן צו די, וואָס געהאָרכן
אים.
33 און הערנדיק דאָס, האָט עס זיי געשטאָכן אין
34 זייערע הערצער, און זיי האָבן געוואָלט זיי טייטן.
נאָר עס איז אויפגעשטאַנען אַ געוויסער מאַן אינם
סנהדרין, אַ פרוש, וואָס האָט געהייסן גמליאל, אַ תנא,
הויך געאַכט ביים גאַנצן פאָלק, און האָט באַפוילן מען
35 זאָל די מענטשן אַרויספירן אויף אַ ווײַלע. דאַן
האָט ער געזאָגט צו זיי: מענער פון ישראל, זייט
פאָרזיכטיק וואָס שייך די דאָזיקע מענטשן, וואָס
36 איר גייט טון. וואָרום פאַר די דאָזיקע טעג איז
אויפגעשטאַנען תודס, זאָגנדיק, אַז ער איז עפעס; צו
וועמען עס האָבן זיך באַהאַפטן אין צאָל אַן ערך פיר
הונדערט מענטשן; ער איז געהרגעט געוואָרן; און
אַלע, וואָס האָבן אים געפאָלגט, זענען צעשפּרייט
37 און צונישט געוואָרן. נאָך דעם איז אויפגעשטאַנען
יהודה הגלילי, אין די טעג פון דער רעגיסטרירונג,
און האָט פאַרפירט נאָך זיך אַן אָנגעזעענעם טייל
פונם פאָלק; אויך ער איז פאַרלוירן געוואָרן, און
אַלע, וואָס האָבן אים געהאָרכט, זענען צעשפּרייט
38 געוואָרן. און איצט זאָג איך אייך: האַלט זיך צוריק
פון די דאָזיקע מענטשן, און לאָזט זיי אָפּ; ווייל אויב